# גליון היכל הקודש

וועכנטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:04
מוצאי שב"ק....................6:37

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................... עזרא ה –ו
בבלי...................... בבא קמא ק'
ירושלמי................. שבת נ"ט
תוספתא................. יבמות י"ד
רמב"ם....... מאכלות אסורות י"ג


פרשת משפטים, ב' דראש חודש אדרא', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 19


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע סֶדְרָה לֶערְנְט אוּנְז דִי תּוֹרָה דִי הַלָכוֹת וָואס זֶענֶען פַארְהַאן בַּיים הַאנְדְלֶען מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן, נָאר הַאנְדְלֶען מִיט יוֹשֶׁר אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אוּן וֶוען סְ'אִיז דָא אַ סִכְסוּךְ צְווִישְׁן צְוֵויי אִידְן, וִוי אַזוֹי דָאס דַארְף צוּ בַּאהַאנְדְלְט וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ר"פ), וֶוען אַ אִיד דַארְף גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, אִיז דָאס אַ שְׁטְרָאף וָואס דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אִים. וַוייל בֶּאֱמֶת דַארְף אַ אִיד וִויסְן אַז אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן וָואס עֶר פִירְט אִיז אֵיין שְׁטִיק תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע זָאגְט אַז אוֹיבּ וֶוען מְ'לֶערְנְט דִי הַלָכוֹת פוּן "הַמַּחְלִיף פָּרָה בַּחֲמוֹר" אִיז דָאס תּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים דִי הַלָכוֹת, עֶר טוּט מַמָּשׁ דִי זַאכְן לוֹיט וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט, אִיז עֶס דָאךְ זִיכֶער תּוֹרָה. וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן אוּן מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי הַלָכוֹת וָואס זֶענֶען דָא בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְצוּרִירְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען מְ'פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּן דֶעם, מְ'וֶוערְט פַארְנוּמֶען נָאר מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן אַלֵיין, מְ'נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ דִי תּוֹרָה וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, דַאן אִיז זַיין עוֹנֶשׁ אַז עֶר מוּז גֵיין צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן דֶעמָאלְט מוּז עֶר דָאךְ אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן אַלֶע זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אַלֶע מַחְשָׁבוֹת, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיים גֶעשֶׁעפְט פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף, אוּן דִי דַיָּינִים הֶערְן דָאס אַלֶעס אוֹיס אוּן לוֹיט דֶעם פַּסְקְ'עֶנֶען זַיין דִי דִין תּוֹרָה, קוּמְט אוֹיס אַז יֶעצְט הָאט עֶר צוּרִיק אַלֶעס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ סֵיי וואוּ נָאר גֶעפוּנְט זִיךְ, **אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר אִין שׁוּל, בַּיים דַאוֶונֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען**, אוּן וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס צוּ דִי אַרְבֶּעט פַארְגֶעסְט עֶר חַס וְשָׁלוֹם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי זַייט, נָאר גוּט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אַלֶעמָאל, **סֵיי וואוּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, סֵיי אִין וֶועלְכֶע מַצָּב אַ אִיד דַארְף אָנְקוּמֶען, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלְץ מִיט אִים**, אֵייבִּיג אִיז דָא הַלָכוֹת וָואס מְ'דַארְף גֶעדֶענְקֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין, אוּן אַלְץ דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ג) **אַז אַמָאל אִיז דָא גָאר טֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס קוּמֶען אַרוֹיס דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה,** עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער זַאכְן, אוּן דַאן זָאגְט עֶר אַרוֹיס בֶּאֱמֶת זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט מִיט פַּרְנָסָה, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים אַלֶעמָאל, עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען צוּ הִיטְן אַלֶע הַלָכוֹת, נִישְׁט צוּ בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִים שְׁוֶוער אִין פַּרְנָסָה, עֶר זָאל וִויסְן אַז אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן קוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן צִיל אִים צוּ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט דִי גַאנְצֶע פַּרְנָסָה זַיין אֵיין שְׁטִיק תּוֹרָה אוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(תּוֹךְ הַנַּחַל מִשְׁפָּטִים תשע"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְלַוֶּה מַלְכָּה

אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי צְווִילִינְג בְּרִידֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיבֶּעראַל הָאט מֶען זֵיי גֶעזֶען גֵיין צוּזַאמֶען. אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער, וֶוען זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְאַלְץ גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען, זֵיי הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעמַאכְט גֶעשֶׁעפְטְן אִינְאֵיינֶעם.

זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין מִצְוָה וָואס זֵיי הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס הִידּוּר, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה. יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעוַואשְׁן אִינְאֵיינֶעם אוּן אָפְּגֶעפְרַאכְטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, פִּישׁ, זוּפּ, אוּן פְלֵיישׁ, מַמָּשׁ וִוי אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת פוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהַאלְטְן זֵייעֶר גוּטֶער מִנְהָג פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט. יֶעדֶע וָואךְ פְלֶעגְן זֵיי פָארְן הַאנְדְלֶען אוּן מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

וַיְהִי הַיּוֹם, אֵיין טָאג הָאט מֶען זֵיי אָנְגֶעטְרָאגְן אַ


<<<<<<


## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ זִי"עַ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאוואוּסְטֶער מַגִּיד רַבִּי בֶּנְצִיּוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הַאלְטְן דְרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ'", הָאט אִים ר' בֶּנְצִיּוֹן גֶעזָאגְט: **"וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶע טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר"**, דֶער אִיד קוּקְט אָן ר' בֶּנְצִיּוֹן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זָאגְט: "מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט קוֹים פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן?!" אוּן עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "פַארְוָואס מַאכְט אִיר חוֹזֶק פוּן מִיר?!" זָאגְט אִים ר' בֶּנְצִיּוֹן: "אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין טַאטֶע פוּן צְפַת, אִיךְ מַיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל - דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן! בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשע"ט)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## הַיינְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זַיין אַ מְקַדֵּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זַיין אַ מְקַדֵּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם, וַוייל אַמָאל הָאט מֶען זִיךְ גֶעדַארְפְט לָאזְן פַארְבְּרֶענֶען פַאר קִידּוּשׁ הַשֵּׁם צוּ זַיין אַ רִיכְטִיגֶער מְקַדֵּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם, אָבֶער הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ אַ מְקַדֵּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם בָּרַבִּים.

מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן מִיר כְּסֵדֶר אָפּ אוּן גִיבְּן מִיר גְרִיסְן פוּן תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה וִוי זֵיי מַאכְן אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם מִיט זֵייעֶר הִתְנַהֲגוּת, מַמָּשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תנד): "עוֹד יִהְיֶה זְמַן שֶׁמִּי שֶׁיִּהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר פָּשׁוּט, יִהְיֶה חִידּוּשׁ גָּדוֹל כְּמוֹ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב", עֶס וֶועט זַיין אַ צַייט וָואס וֶוער עֶס וֶועט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, וֶועט זַיין אַזַא חִידּוּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס הִיטְן נִישְׁט זֵייעֶר מוֹיל אוּן דוּ רֶעדְסְט נָאר אֵיידֶל, דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט קֵיין נִבּוּל פֶּה - בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ חִידּוּשׁ עָצוּם, אַז דוּ גֵייסְט נָאכְאַמָאל אִין שׁוּל נָאךְ אַזוֹיפִיל יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת בִּיסְטוּ נִישְׁט סְתַּם אַ חִידּוּשׁ - דוּ בִּיסְט אַ חִידּוּשׁ שֶׁבְּחִידּוּשִׁים, אוּן אַז דוּ טְרַאכְסְט פוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד אִינְמִיטְן דַיין פַארְנוּמֶענֶע צַייטְן, דוּ גֶעבְּסְט אַ סֵפֶר אַ קוּנְטְרֵס וְכוּ' וְכוּ' פַאר אַ אִיד - בִּיסְטוּ דָאךְ מַמָּשׁ אַ צַדִּיק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְמַאךְ דַיינֶע טְשֶׁענֶעלְ'ס פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אוּן הִיט זִיךְ דַיינֶע אוֹיגְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִּין סג:): אֵיינֶע פוּן דִי טָמֵא'נֶע פֵייגְלֶעךְ אִיז דֶער 'אַיָּה' וָואס מֶען רוּפְט 'רָאָה', "וְלָמָּה נִקְרָא שְׁמָהּ רָאָה?" פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִיר מִיטְ'ן נָאמֶען 'רָאָה?' "שֶׁרוֹאָה בְּיוֹתֵר", וַוייל זִי זֶעט זֵייעֶר וַוייט, "עוֹמֶדֶת בְּבָבֶל וְרוֹאָה נְבֵלָה בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", זִי קֶען שְׁטֵיין אִין בָּבֶל אוּן זֶען אַ נְבֵלָה בִּיז אַזוֹי וַוייט וִוי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דָאס פַארְשְׁטֵייט מֶען הַיינְט צוּ טָאגְס זֵייעֶר גוּט, אַז מִיט דִי הַיינְטִיגֶע טֶעכְנֶעלָאגְיֶע קֶען מֶען שְׁטֵיין אִין אֵיין זַייט וֶועלְט אוּן זֶען אַ נְבֵלָה אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועלְט, מֶען קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין אָפִיס, צוּ אִין קַאר וְכוּ' וְכוּ' מִיט אַ קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפֿאוֹן אוּן קוּקְן עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין דָאךְ מַמָּשׁ וִוי דֶער 'רָאָה' וָואס קוּקְט וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ נְבֵלָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מִיר 'רָעָה' - אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין דִיבּוּרִים, גֶעבּ כָאטְשׁ אַ קְרֶעכְץ, אַ שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ רֵיינֶער מֶענְטְשׁ.

הַיינְט נַאכְט וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ שִׁיעוּר; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן? אַז דוּ וֶועסְט מִיר זָאגְן דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶ פְּלַאץ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וואוּ מֶען אִיז דִיר מְחַזֵּק אוֹיף תּוֹרָה וּתְפִלָּה וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אָבֶער נִישְׁט דָאס אוּן נִישְׁט יֶענְץ, וָואס יָא? וֶוער וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג לֵייגְן טַלִּית וּתְפִילִּין? וֶוער וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דוּ זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ?

אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי פְרִישׁ אִיךְ פְלֶעג אַהֵיים קוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים; מִיר פְלֶעגְן פָארְן אַפָּאר חֲבֵרִים צוּזַאמֶען אוּן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי מִיר זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי מְעָרָה וואוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען וְכוּ', עֶס הָאט אוּנְז גֶעלָאכְטְן דֶער וֶועלְט, מִיר הָאבְּן אַלֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּן. וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת הָאבְּן מִיר אַלֶע אָפְּגֶעמַאכְט: 'דָאס אִיז עֶס, מִיר גֵייעֶן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, מִיר גֵייעֶן פוּן הַיינְט אָן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ'; אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאבְּן מִיר אַלֶע אָפְּגֶעמַאכְט: 'דָאס אִיז עֶס, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר גֵייעֶן מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן קֵיינֶעם, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

קוּם צוּם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי וֶועסְטוּ הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע הַרְגָּשָׁה; מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָא אִין סְקִילְמֶען סְטְרִיט, מוֹהֲרָא"שׁ גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער קָאךְ קָאכְט אוּן דִי פֵייעֶרְ'ס בְּרֶענֶען אוּן אֲפִילוּ דִי פֵייגְלֶעךְ פָּאכֶענֶען מִיט דִי פְלִיגְלֶען, זֵיי צִינְדְן אָן דֶעם פֵייעֶר אוּן לֶעשְׁן דֶעם פֵייעֶר אוּן וֶוער עֶס פַארְזוּכְט פוּן דִי מַאֲכָלִים קֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶערְלַיידְן תַּאֲווֹת מָמוֹן וְכוּ' (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָּה).

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשע"ט)

>>>>>>

גֶעוִוויסֶע גוּטֶע גֶעשֶׁעפְט אִין אַ וַוייטֶע שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אַרוֹיסְצוּלָאזְן אַהִין גְלַייךְ אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת. זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְגֶען אַ בַּעַל עֲגָלָה מִיט פֶערְד וָואס זָאל זֵיי אָפְּוַוארְטְן אוּן אַהִינְטְרָאגְן גְלַייךְ נָאכְ'ן זְמַן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט פָארְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף זוּנְטָאג צוּ יֶענֶעם וַוייטְן שְׁטָאט.

גְלַייךְ אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעפַּאקְט דִי חַלּוֹת, פִישׁ, זוּפּ, אוּן פְלֵיישׁ, פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי לַאנְגֶע רֵייזֶע. גֶעוֶוען אִיז דָאס אִינְמִיטְן דִי וִוינְטֶער, זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גֶעדִיכְטֶע וַואלְד, אוּן זַייעֶנְדִיג טִיף אַרַיין אִין וַואלְד הָאט זִיךְ פְלוּצְלִינְג אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁנֵיי, ווִילְדֶע ווִינְטְן הָאבְּן גֶעבּוּזְשֶׁעוֶועט, דִי שְׁנֵיי אִיז גֶעוָוארְן אַלְץ דִיקֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז וֶוען דִי פֶערְד הָאבְּן מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער אִין דִי טִיפֶע שְׁנֵייעֶן. דֶער קוּטְשֶׁער הָאט גֶעשְׁמִיסְן דִי פֶערְד מִיטְ'ן בַּייטְשׁ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶס הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דִי פֶערְד הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים גֵיין וַוייטֶער אֲפִילוּ נָאךְ אֵיין טְרִיט.

פוּנְדֶערְוַוייטְנְס הָאבְּן דִי בְּרִידֶער בַּאמֶערְקְט אַ לִיכְטֶל וָואס שַׁיינְט אַרוֹיס פוּן אַ הוֹיז, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּזַאמְצוּנֶעמֶען זֵייעֶרֶע זַאכְן אוּן גֵיין צוּפִיס צוּם רִיכְטוּנְג פוּן יֶענֶעם הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אִין וָואסֶערֶע פַּאסְטְקֶע זֵיי שְׁפַּאצִירְן אַרַיין, אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ דֶעם הוֹיז זֶענֶען זֵיי עֶנְטְפַאנְגֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי גוֹיִם וָואס הָאבְּן דָארְט גֶעוואוֹינְט, דִי גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוֹיף דִי צְוֵויי אִידְן וָואס הָאט אַרַיינְגֶעוַואנְדֶערְט אִין זֵייעֶרֶע בְּלוּטִיגֶע הֶענְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דִי אִידְן אוּן רוֹיבְּן זֵייעֶר פַארְמֶעגְן, אוּן דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁפַּארְט דִי אִידְן אִין אַ זַייטִיגֶע צִימֶער.

דִי בְּרִידֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְפַשְׁפֵּשׁ זַיין אִין זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, פַארְוָואס עֶס קוּמְט זֵיי אַזַא שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַן אַב הָרַחֲמָן, עֶס הָאט זִיכֶער אַ טִיפֶע כַּוָּונָה פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען דָא פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי רוֹצְחִים וָואס ווִילְן זֵיי אוּמְבְּרֶענְגֶען, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הוֹיךְ צוּ קְלֶערְן, "אֶפְשָׁר קוּמְט דָאס אוּנְז וַוייל מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן אֵיידֶער מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן מְלַוֶּה מַלְכָּה? מִיר זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מַקְפִּיד יֶעדֶע וָואךְ צוּ עֶסְן מְלַוֶּה מַלְכָּה, אֵיידֶער מִיר טוּעֶן סֵיי וָואס". אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, "וֵוייסְטוּ וָואס, טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מֶען גֵייט אוּנְז דָאךְ הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן מִיר הָאבְּן דָאךְ מִיט אוּנְז דָאס עֶסְן, דִי חַלּוֹת, פִישׁ, זוּפּ, אוּן פְלֵיישׁ; לָאמִיר זִיךְ דָא וַואשְׁן אוּן כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה אֵיידֶער מִיר גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט".

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאס וַואסֶער דָארְט אִין צִימֶער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ גֶעוַואשְׁן, גֶעמַאכְט אַן הַמּוֹצִיא אוֹיף דִי חַלּוֹת, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן מְלַוֶּה מַלְכָּה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ גֶעזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה, אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט.

אִינְמִיטְן זִינְגֶען עֶפְנְט זִיךְ דִי טִיר, עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעשְׁלֵיידֶערְט נָאךְ אַ אִיד, אוּן דִי טִיר וֶוערְט גְלַייךְ צוּרִיק פַארְשְׁלָאסְן. דֶער אִיד הָאט גֶעזֶען וִוי צְוֵויי אִידְן זִיצְן דָארְט אוּן עֶסְן אוּן זִינְגֶען, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ זֵיי.

פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעהֶערְט אַ גְרוֹיסֶע גֶערוּדֶער פוּן דִי גוֹיִם וָואס הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגְט דָארְט אִין הוֹיז מִיט גְרוֹיס הוֹלְלוּת, אָבֶער פְלוּצְלִינְג אִיז שְׁטִיל גֶעוָוארְן. הָאט דֶער דְרִיטֶער אִיד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "הָאט נִישְׁט

<<<<<<

>>>>>>

מוֹרָא, אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע וַויין, אוּן מִסְתָּמָא הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גוֹיִם אָנְגֶע'שִׁיכּוֹר'ט דֶערְמִיט. לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָא".

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט דִי טִיר, אוּן גֶעזֶען ווִי דִי גוֹיִם וַואלֶגְערְן זִיךְ דָארְט שִׁיכּוֹר אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט בַּאמֶערְקְט ווִי דִי אִידְן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן דָארְט. דֶער דְרִיטֶער אִיד הָאט זֵיי אַרוֹיפְגֶערוּפְן אוֹיף זַיין וָואגְן, אוּן הָאט זֵיי שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן יֶענֶעם גֶעגְנְט אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטָאט, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דֶער אִיד פַארְשְׁווִינְדְן גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דָאס אִיז גֶעוֶוען. וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, זֶענֶען דִי בְּרִידֶער וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶרֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

יֶענֶע נַאכְט, וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, הָאבְּן בֵּיידֶע בְּרִידֶער גֶע'חָלוֹמְ'ט דֶעם זֶעלְבְּן חָלוֹם. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד וָואס הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן דֶער אִיד הָאט זֵיי גֶעזָאגְט, "אִיךְ בִּין דָוִד הַמֶּלֶךְ, מֶען הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט פוּן הִימְל אַייךְ צוּ רַאטֶעוֶוען, וַוייל אִיר זֶענְט נִזְהָר צוּ עֶסְן יֶעדֶע וָואךְ מְלַוֶּה מַלְכָּה. אִיךְ וָוארְן אַייךְ אָבֶּער אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר נִישְׁט פָארְן אִין עֶרְגֶעץ אֵיידֶער אִיר וַואשְׁט זִיךְ אוּן עֶסְט מְלַוֶּה מַלְכָּה".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן סְעוּדָה מְלַוֶּה מַלְכָּה. בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶועןן אוֹיף דֶעם, וַוייל אַזוֹי הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן רֶבִּי נָתָן, אַז מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן סְעוּדַּת מְלַוֶּה מַלְכָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְשַׁעְי'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זי"ע, אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם אַלְס קִינְד, זַיין מַאמֶע הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אוּן אַלֵיין אוֹיפְצִיעֶן, דֶערִיבֶּער הָאט זִי אִים גֶעשִׁיקְט צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְלִיסְקָא זי"ע, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער צַדִיק אוּן בַּעַל רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן דָארְט הָאט רֶבִּי יְשַׁעְי'לֶע בַּאדִינְט דֶעם צַדִיק, עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אוּן עֶר אִיז אַלְץ מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים.

אִין זַיין יוּגְנְט הָאט רֶבִּי יְשַׁעְי'לֶע זי"ע זִיךְ גֶענוּמֶען אַ מִצְוָה אִין וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר נִזְהָר גֶעוֶוען, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן עֶסְן מְלַוֶּה מַלְכָּה. אוּן אִין דֶעם זְכוּת אִיז עֶר גֶעוַואקְסְן גָאר גְרוֹיס, אַזוֹי וַוייט אַז וֶוען זַיין רֶבִּי, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְלִיסְקָא זי"ע, אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, הָאבְּן פִילֶע אִידְן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטְרָאמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט פַאר זֵיי פִילֶע יְשׁוּעוֹת, מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים אַסַאךְ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, עֲקָרוֹת זֶענֶען גֶעהאָלְפְן גֶעוָוארְן, קְרַאנְקֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ פִילֶע אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים; אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה.

הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְי'לֶע זי"ע פְלֶעגְט יֶעדְן מוֹצָאֵי שַׁבָּת רוּפְן אַ שׁוֹחֵט צוּ שֶׁחְטְ'ן אַסַאךְ עוֹפוֹת, מֶען הָאט זֵיי כָּשֵׁר גֶעמַאכְט אוּן אָפְּגֶעקָאכְט לְכָבוֹד מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ פִישׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע פֵיינֶע מַאֲכָלִים; עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען לַאנְגֶע שָׁעוֹת צוּצוּגְרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַּת מְלַוֶּה מַלְכָּה.

צוּם מְלַוֶּה מַלְכָּה הָאט עֶר גֶעלַאדֶענְט הוּנְדֶערְטֶער אָרֶעמֶעלַייט אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן. עֶר פְלֶעגְט אַלֵיין אַרוּמְגֵיין בַּאדִינֶען דִי אָרֶעמֶעלַייט, גֶעגֶעבְּן פַאר אִידְן פְרִישֶׁע חַלוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבַּאקְן סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי סְעוּדָה, זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז יֶעדֶער הָאט פִישׁ, זוּפּ, אוּן פְלֵיישׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אַלֶעס בַּאקְן, קָאכְן, אוּן צוּגְרֵייטְן, דַוְקָא אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אַז אַלֶעס זָאל זַיין פְרִישׁ אוּן גֶעשְׁמַאק. דִי מִצְוָה פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה אִיז גֶעוֶוען זַיין בַּאלִיבְּסְטֶע מִצְוָה, אוּן מִיט דֶעם זְכוּת הָאט עֶר גֶע'פּוֹעֶל'ט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת פַאר פִילֶע דֶערְבִּיטֶערְטֶע אוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן, מֶען הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים פִילֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים.

אוֹיבּ וֶועלְן מִיר אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק יב, עֶרֶךְ מְלַוֶּה מַלְכָּה)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## ווי אַזוֹי רֶעאַגִירְט מֶען וֶוען מֶען קוּמְט אָן אִינְמִיטְן דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט?

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶוער כְּסֵדֶר נִתְפַּעֵל פוּן דִי פְּשׁוּטֶע אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע מַהֲלַךְ הַמַּחְשָׁבָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף דֶעם דֶרֶךְ, צוּ עֶנְטְפֶערְן מִיט אַזַא שֵׂכֶל הַיָּשָׁר.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ כְּלָלִיּוּת'דִיגֶע שְׁאֵלָה אִין שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס צוּ טוּן וֶוען דִי וַוייבּ אִיז פַארְנוּמֶען בִּיז אִיבֶּערְ'ן קָאפּ מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. דִי שְׁאֵלָה אִיז בְּעִיקָר נוֹגֵעַ פַאר פֶּסַח, אָבֶּער אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע צַייטְן.

אִיךְ קוּם אַהֵיים אוּן אִיךְ זֶע ווִי דִי שְׁטוּבּ פְלִיעֶט, אוּן מַיין וַוייבּ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט אוּן אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן בִּיז אִיבֶּערְ'ן קָאפּ, וָואס דַארְף אִיךְ דֶעמָאלְט טוּן? אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן סְתָּם אַזוֹי אַ הַאנְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וואוּ זִי הַאלְט מִיט דִי זַאכְן, אוּן זִי הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן גֶעדוּלְד מִיר מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס מֶען דַארְף יֶעצְט טוּן; סְתָּם שְׁטֵיין אִין דִי זַייט אוּן זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן, שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶס טוּט אִיר זֵייעֶר וֵויי אַז זִי אַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן אִיךְ רוּה זִיךְ אָפּ; אַלֵיין צוּלֵייגְן אַ הַאנְט אוּן פְּרוּבִּירְן זִיךְ פָארְצוּשְׁטֶעלְן וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן יֶעצְט, אִיז אוֹיךְ אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ; אִיר זָאגְן "וָואה! דוּ אַרְבֶּעטְס אַזוֹי שְׁוֶוער!", בְּשַׁעַת דִי הוֹיז פְלִיעֶט, אִיז דָאךְ וַוייטֶער נִישְׁט קֵיין אָפְּצִיֶע. אוּן אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ מוּז פָּשׁוּט זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אוֹיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אַזוֹי ווִי אִיר, סְתָּם צוּ וַוייזְן אַז אִיךְ בִּין אִיר אוֹיף אֵיין בְּלַאט.

אִיךְ טְרַאכְט צוּמָאל אַז אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט אַמָאל מִיטְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט, פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען הֶעלְפְן וֶוען עֶס פֶעלְט אוֹיס; אָבֶּער אִיךְ אַרְבֶּעט שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט קֶענֶען בַּאוַוייזְן.

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פַאר אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַ פְּרַאקְטִישֶׁע הַדְרָכָה, אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הַאלְט שׁוֹין נָאכְ'ן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע נַארִישֶׁע חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת אוּן טוּ צוּ דִי זַאךְ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט פַאר אַזַא בַּטְלָן, אַז דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן. מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְסְט אִיר הֶעלְפְסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס; דוּ טוּסְט קֵיינֶעם נִישְׁט קֵיין טוֹבוֹת נָאר פַאר זִיךְ. וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ, אַ רוּאִיגֶע וַוייבּ אוּן אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ.

עֶס זֶענֶען דָא יוּנְגֶעלַייט וָואס טוּעֶן אַ גַאנְצֶע טוֹבָה מִיטְ'ן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם דַארְפְן זֵיי שׁוֹין אַ בַּאלוֹינוּנְג פוּן דִי וַוייבּ פַארְן הֶעלְפְן אַבִּיסְל, זֵיי דַארְפְן שׁוֹין רְשׁוּת אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ פַארְ'ן הֶעלְפְן אַפָּאר מִינוּט. אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן: 'דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וָואס זִי טוּט וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן, נָאר גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוייבּ וָואס הֶעלְפְט מִיר גְרִינְגֶער מַאכְן דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ דַארְף בֶּאֱמֶת טְרַאכְטְן מִיט וָואס אִיךְ קֶען בַּאלוֹינֶען מַיין וַוייבּ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן וְכוּ'.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, לֵייג אַוֶועק דַיין פִילָאזָאפְיֶע אוּן הֶעלְף אִיר מִיט דַיין גַאנְצֶע הַאֶרְץ; שְׁטֶעל נִישְׁט קֵיין פָּנִים ווִי אַ בַּטְלָן אוּן מַאךְ עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער. עֶס אִיז שְׁוֶוער ווִי לַאנְג מֶען הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי אוּן כָּל זְמַן מֶען ווִיל שׁוֹין אַרוֹיסְלוֹיפְן וְכוּ', אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט ווִי עֶס אִיז דַיין עוֹל וֶועסְטוּ שׁוֹין פּוּנְקְטְלִיךְ ווִיסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט): "גָּדוֹל שָׁלוֹם, שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה - אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא - יִמָּחֶה בַּמַּיִם כְּדֵי לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי חָשׁוּב עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (וַיִּקְרָא רַבָּה שָׁם, שָׁם): "רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חֲדָא אִתְּתָא יַצִּיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תְּנְתָא מִדְרָשָׁא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וֶועלְכֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְ'ס צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פְלֶעגְט גֶעבְּן, "אַמְתִּינַת עַד דִיחֲסַל מִמִּדְרָשׁ", אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר. "אָזְלָה לְבֵיתָהּ, אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי", וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ, דִי לִיכְט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, "אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית", וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? "אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָרוֹשָׁה", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיים שִׁיעוּר פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר, "אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אֵעַיְילְתְּ לְהָכָא עַד דַּאֲזַלְתְּ וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּי דָרוֹשָׁה", אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעֲסָן, אַ לֵץ; הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ בִּיז ווִילַאנְג דוּ גֵייסְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן, אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר. "יְתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָּרוֹשָׁה", דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי אֵיידֶער מְבַזֶּה זַיין דֶעם

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר', אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבְרְ'טֶע שְׁלָאפְן, אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט. "כֵּיוָן דְּחָמֵי יַתְהוֹן רַבִּי מֵאִיר צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, "אֲמַר לְהוֹ אִית מִנְכוֹן אִתְּתָא דְּחַכִּימָא לְמִלְחַשׁ בְּעֵינָא", הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיג טוּט אִים וֵויי, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס בְּרֶענְט אִים, אוּן וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין אוֹיף דֶעם זָאל קוּמֶען. (אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא רְפוּאָה, אַז מֶען פְלֶעגְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן אוֹיג אוּן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן).

"אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדּוּ אַתְּ אָזְלַת וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּיהּ וְתִשְׁרֵי לְבַעֲלִךְ", הָאבְּן דִי חַבֶרְ'טֶעס גֶעזָאגְט פַּאר דִי פְרוֹי: גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רֶבִּי מֵאִירְ'ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר. "כֵּיוָן דְּיָתְבָא קַמֵּי אִידְּחִילַת מִינֵּיהּ, אֲמָרָה לֵיהּ רַבִּי לֵית אֲנָא חַכִּימָא לְמִילְחַשׁ עֵינָא, אֲמַר לָהּ אֲפִלּוּ הָכֵי רוֹקִי בְּאַנְפִּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן רֶבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט אִיר: דוּ קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין? הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶעמָאלְט שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין פָּנִים, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, "עָבְדָה הָכִין. אֲמַר לָהּ אִיזִילִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חָדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקֵית שְׁבַע זִימְנִין", אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַּאר דַיין מַאן: דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפֵּייעֶן אֵיינְמָאל, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן זִיבְּן מָאל.

"אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו רַבִּי כָּךְ מְבַזִּין אֶת הַתּוֹרָה, לָא הֲוָה לָךְ לְמֵימַר לְחַד מִינָן לְמִלְחַשׁ לָךְ", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: אִיז דָאס כָּבוֹד הַתּוֹרָה? פַאְרוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן רֶבִּי'ן, מִיר וָואלְטְן אִים מְסַדֵּר גֶעוֶועְן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן אַזָאנְס צוּ טוּן?! "אֲמַר לְהוֹ לָא דַּיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דְּתָנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רֶבִּי מֵאִירְ'ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זֶעט מֶען ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז "דוּ הַאלְסְט שׁוֹין נָאךְ תְּפִילָּה" אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אָן טְרַאכְטְן. וַוייל מֶען דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן דַאוֶוענֶען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן וַוייבּ; יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן פְרִישׁ כְּאִילוּ מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן**
**זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## סימן טוב ומזל טוב

הרה"ג **אלכסנדר משה טייטלבוים** הי"ו קרית יואל
דיין בבית מדרשינו פרעמישלאן
צום שידוך שליסן פון זיין טאכטער למזל טוב

מו"ה **שלמה חיים ווייס** הי"ו בראכפעלד
גבאי בבית המדרש היכל הקודש בראכפעלד
צום שידוך שליסן פון זיין זון הבה"ח **דניאל אלחנן** למזל טוב

מו"ה **יואל חלאבי** הי"ו קרית יואל
צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו קרית ברסלב
צום געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **ליפא שווארטץ** הי"ו קרית ברסלב
צום געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **יוחנן ויזל** הי"ו קרית יואל
גבאי בבית המדרש היכל הקודש פרעמישלאן
צום געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **ישראל שמעון זעלקאוויטש**הי"ו קרית ברסלב
צום געבורט פון א צווילינג למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# קרן הדפסה גרייט זיך איבערצודרוקן אשר בנחל אידיש חלק א'

זייער שווער קומט אונז אן צו שרייבן איבער'ן די הייליגע בריוון פון ספר הקדוש "אשר בנחל". דאס איז דער ספר וואס מוהרא"ש האט געשריבן מיט בלוט פון זיין הארץ, דער הייליגער ספר וואס פלאמט אויף דאס הארץ צום אייבערשטן. דער הייליגער ספר וואס וועקט אויף אידישע קינדער פון שלאף. דער ספר וואס שרייט אויס "אין עוד מלבדו, עס נישט פארהאן עפעס אנדערש אויסער דער אייבערשטער". "הייב אן פון יעצט, קוק נישט אויף צוריק", "דער אייבערשטער דארף דיר יא, הער נישט אויס דער סמ"ך מ"ם וואס זאגט אז נישט", "מען קען אנטלויפן נאר צום אייבערשטן", א.א.וו. - וויפיל מען זאל רעדן איבער דעם הייליגן ספר, קען מען אפילו נישט אנהייבן.

אין די לעצטערע יארן פון מוהרא"ש'ס הייליגע לעבן ווען עס האבן זיך אנגעהויבן פארמערן תלמידים וואס האבן נישט פארשטאנען לשון הקודש, האט מוהרא"ש אנגעהויבן צו שרייבן מערערע בריוו אויף מאמע לשון, אויף אידיש ספעציעל פאר אנשי שלומינו אין אמעריקע. פון די אלע בריוו האט זיך צוזאם געקליבן עטליכע הונדערט בריוו, וואס דער קרן הדפסה האט הערליך מסדר גועוען און אפגעדרוקט אין זעקס הערליכע בענדער.

מען האט שוין געדרוקט די ספרים איין מאל און נאכאמאל און צוגעלייגט פילע תיקונים ווי מפתחות און א שטארקע הגהה, און וויפיל מען דרוקט איז נישט גענוג נאכדעם וואס די טייערע מפיצים נוצן אויס אלע ספרים גאר שנעל.

יעצט גרייט זיך דער קרן הדפסה איבערצודרוקן דער ערשטער באנד אין א הערליכער פארמאט מיט א הארטע דעקל, מען קען זיך ווענדן צום גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 1-347-578-4449 צו קויפן זכותים אין דעם הייליגן ספר אויף וואס מוהרא"ש האט קלאר מבטיח געווען אז ווער עס וועט דרוקן דעם ספר וועט זען ישועות בכל הענינים.

אויך קען מען קויפן דער "זכות מהדורה" פאר צען טויזענט דאלער, וואס מיט דעם וועט דער גאנצער שיפמענט גיין אויפן אייביגן זכות פונעם נדבן, אן אומשאצבארע זכות וואס מען קען נישט באגרייפן.

**כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים!**

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

מו"ה **מרדכי אינדיג** שליט"א

מנהל תלמודי התורה היכל הקודש ברסלב

צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער למזל טוב

עב"ג החתן **שלום אלי'** ני"ו

א זון פון זיין מחותן מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** שליט"א

ר' מרדכי איז דער בריח התיכון פון אונזערע הייליגע מוסדות; נאר א דאנק זיין געוואלדיגע מסירת נפש די אלע יארן, מיום הווסדה ועד עתה, האבן זיך די מוסדות אוועקגעשטעלט אזוי שיין לשם ולתפארת. אזוי אויך דער וועלט בארימטער האטליין 'קול ברסלב', און דער באוואוסטער 'גליון היכל הקודש', וואס האבן שוין צוריקגעברענגט הונדערטער טויזנטער אידן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן אים ביישטיין און ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט, און ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין הייליגע ארבעט.

### משנכנס אדר מרבין בשמחה

**דאס יאר האבן מיר צוויי אדר'ס צו זיין פרייליך, ווי אזוי ווערט מען אבער פרייליך? ווי אזוי קען מען זיין אמת'דיג גליקליך און צופרידן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 94**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090